בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' | פ' כי תבא | י"ב אלול | תשע"א | פסחים: ע"ד

# באריכט:

פארגאנגענעם ליל שב"ק איז מרן רבינו שליט"א אריינגעקומען צום טיש ארום 10 אזייגער. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אברהם בערנשטיין הי"ו פון לאנדאן, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר שאול יחזקאל שווארץ הי"ו פון בני ברק.

ביי די תורה האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק כי ה' אלהיך מתהלך בקרב מחניך להצילך ולתת אויביך לפניך, ל'הצילך ו'לתת א'ויביך ל'פניך, ראשי תיבות אלו"ל, און אויסגעטייטשט בדרך אגדה בעניני חודש אלול.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר בנימין זאב סג"ל הי"ו פון ירושלים עיה"ק, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג אלי' סימאן שליט"א ר"מ בישיתיה"ק, מיט קה רבון האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר מאיר מייער שליט"א ר"מ בישיתיה"ק ב"פ.

עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הרה"ק רבי פנחס מ'קאריץ זי"ע וועמענס הילולא עס איז אויסגעפאלן פארגאנגענעם פרייטאג העעל"ט, און פון הרה"ק רבי יעקב ישראל מ'טעשרקאס זי"ע וועמענס הילולא עס געפאלט מארגן – מאנטאג.

מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אליעזר ווייס הי"ו מראה"ק בקרית יואל. שב"ק בייטאג נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' אשר זאבעל הי"ו בן הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א ר"מ ישיבה לצעירים קרית יואל.

ביי די דברות קודש ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק כי ה' אלהיך מתהלך בקרב מחניך להצילך ולתת אויביך לפניך, ל'הצילך ו'לתת א'ויביך ל'פניך, ראשי תיבות אלו"ל, און אויסגעטייטשט בדרך התעוררות ומוסר ארומרעדנדיג פון די חומר פגם פון א עבירה בעולמות עליונים, און אז דער אויבערשטער טוט א חסד ער איז דן דעם מענטש לויט די פגם ווי אזוי ס'איז אויף די וועלט.

דערנאך האט דער רבי שליט"א ארומגערעדט פון די ווארט פון הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע אויף הבא לטהר מסייעין אותו אז צדיקים זענען מסייע, און נאכגעזאגט פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע אז היינט

אז ס'איז נישטא קיין צדיקים איז דער אויבערשטער אליין מסייע יעדן איד.

❧•❧

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר אברהם יושע יאזשעף הי"ו פון בני ברק, הב' בן מוה"ר משה אברהם ווידער הי"ו פון וויליאמסבורג, און הב' בן מוה"ר שלום אליעזר פריינד הי"ו פון וויליאמסבורג.

❧•❧

**מזל טוב!**

מעומק לבבינו נביע ברכותינו לידידנו החשוב היקר והנכבד, ה"ה

**הרב יוסף ישראל זעגלבוים הי"ו**

לרגל הולדת בנו בכורו למזל טוב

הקב"ה יעזור שיזכה לרוות רב נחת דקדושה, ויכניסו בבריתו של אאע"ה בעתו ובזמנו, ויגדלו לתורה לחופה ולמעש"ט לתפארת בית אבותיו.

**כעתירות וברכת**

***חברי המערכת***

❧•❧

## הורי ישיבה גדולה ד'סאטמאר באגריסן מיט הנאה די נייע פעולות "מחיל אל חיל"

אין די טעג האט די הנהלת המתיבתא ארויסגעשיקט א לענגערע אויפקלערונג בריוו צו אלע חשוב'ע עלטערן, וועלכע האבן בחורים אין די עלטער וואס מ'קומט אריין אין די ישיבה גדולה, אין וועלכן ס'ווערט ברייט אויסגעשמועסט דעם "מחיל אל חיל" פראיעקט, וואס די הנהלה האט אונטערגענומען בפקודת כ"ק מרן רבינו שליט"א, מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה להרמת קרן התורה והיראה, פאר'ן תכלית פון אלע חשוב'ע תלמידי הישיבה.

אין די בריוו ווערט ארויסגעברענגט די לעצטערע פעולות וואס דער רבי שליט"א האט באויפטראגט די הנהלה, סיי איבער דאס אויפנעמען א חשוב'ע "ועד החינוך" פון באריםטע מחנכים צו באגלייטן די עניני רוחניות, און באזונדער איבער דעם וואס דער רבי שליט"א האט ענדגילטיג מחליט געווען, צוצושטעלן צוויי באזונדערע סניפי הישיבה, די גרויסע ישיבה ווי ביז היינט און עקסטער א קלענערע "סניף ברך משה", נאכצוקומען דעם געברויך און פארלאנג פון עלטערן אויף ביידע ערליי ישיבות מיט אירע אייגנארטיגע מעלות.

די עלטערן באגריסן די געבענטשטע פעולות לטובה מיט א געוואלדיגע הנאה, און רעגיסטרירן אצינד די בחורים אין איינע פון די ביידע סניפים, יעדער לויט זיין אייגענעם אויסוואל און לויט'ן תכונת הנפש פונעם בחור.

זעה בייגעלייגט די בריוו וואס די הנהלה האט ארויסגעשיקט פאר די עלטערן.

***-מחיל אל חיל!-***

❧•❧

## אנטווערפען יצ"ו

מיט גרויס פרייד האבן אנשי שלומינו תושבי אנטווערפען יצ"ו זיך מיטגעפריידט בשמחת ידידינו הנכבד הרבני הנגיד החסיד המרומם מוה"ר חיים לעווי שליט"א מעיר וויען יצ"ו וועלכער האט געפיהרט בשעטומ"צ זיין זוהן היקר והחשוב נ"ו אונטער די חופה, עב"ג הכלה תחי' די טאכטער פון להבחל"ח ידידינו החשוב הרה"ח ר' זלמן לייב קליין ז"ל מחשובי אנ"ש אין אנטווערפן יצ"ו.

די שמחת החתונה איז פאהרגעקומען דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג העעל"ט ווען אנ"ש האבן זיך ספעציעל מיטגעפרייט בשמחת הרבני הנגיד מוה"ר חיים שליט"א, וועלכער האט זוכה געווען מיט א צייט צוריק אפצוקויפן דעם געוואלדיגן זכות פונעם "היכל בית המדרש הגדול" בבניני קהלתינו הק', וועלכע וועלן אי"ה אנגעהויבן געבויעט צו ווערן אין די נאנטע תקופה.

די "שבת שבע ברכות" איז אויך אפגעראכטן געווארן אונטער א געהויבענעם שטימונג, ווען אלע תפילות במשך פונעם שבת זענען פארגעקומען בהיכל בית מדרשינו, וועלכע איז געווען צר מהכיל די אלע חשובע קרובים ובני המשפחה שיחיו.

דעם דינסטאג נאכט פ' כי תבא הבעל"ט וועט אי"ה פארקומען א גרויסארטיגער "שבע ברכות" פאררופן דורך קהלתינו הק' לכבוד ידידינו הרה"ח ר' חיים שליט"א, וואס וועט פארקומען אום האלב ניין ביינאכט אינעם הערליכן "פאגעל זאל", ווי אנ"ש וועלן קומען ארויסווייזן הכרת הטוב און אנערקענונג פאר ידידינו הנכבד ר' חיים שליט"א וועלכער שטייט כסדר צוהילף לקהלתינו הק' בכל עת מצוא.

***-ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל-***

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**